בס"ד

**מאמר השקפה**

פר' פינחס

שנת תשפ"ה לפ"ק

# עס איז נישט קיין נייעס
# מיר האבן דאס אלע געוואוסט...

פינחס בן אלעזר.

דער גרויסער לוחם מלחמות ה', דער וואס האט גענומען דעם חרב פיפיות בידו צו לוחם זיין מלחמות ה', און ער האט גאר באקומען דעם 'נאבעל פרייז' בריתי שלום.

## אין שעת מלחמה איז נישט די עצה 'והמה בוכים'

מיר לערנען די פרשה פון פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן. א שרעקליכע פירצה האט אויסגעבראכן ביי כלל ישראל, דורך די עצה פון בלעם הרשע האבן אידישע קינדער אנגעהויבן דינען עבודה זרה, און זיי זענען נכשל געווארן אין בנות מואב.

צוויי יצר הרע'ס האבן זיך משתלט געווען אויף כלל ישראל, יצרא דעבודה זרה, מיט'ן יצרא דעריות, רחמנא לצלן.

עס איז א שרעקליכער מצב. דער הייליגער דור המדבר איז נפרץ געווארן. די עצה פון בלעם הרשע ארבעט, און עס נעמט נישט לאנג, דער 'אלקיהם של אלו שונא זמה הוא'. א מגיפה נוראה ווערט געלאזט אין גאנג און פיר און צוואנציג טויזנט אידישע קינדער פאלן אין די מגיפה.

שרעקליך, איבער צוויי ריבוא אידן זענען געפאלן טויט אין די מגיפה אלס עונש.

ערליכע אידן זענען פארלוירן, זיי וויינען מיט ביטערע טרערן, והמה בוכים פתח אוהל מועד, מען איז מפשפש במעשים - חז"ל זאגן אז זיי האבן געליינט קריאת שמע - און פרובירט צו טון וואס עס איז נאר מעגליך אפצוהאלטן די מגיפה, אבער אן קיין רעזולטאטן. עס איז שרעקליך, אידן פאלן נעבעך אין די מגיפה, און עס איז נישט דא וואס עס זאל דאס אפהאלטן.

פלוצלינג שטעלט זיך אויף א יונגערמאן מתוך העדה, פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, וועלכער איז, כלפי זיין עלטער-פעטער משה רבינו און די אנדערע זקני ישראל, זיכער געווען פאררעכנט אלס איינער פון די יונגערע מתוך העדה, אבער ער איז אנגעגארטלט מיט אן עזות דקדושה, מיט א פייער און א ברען, ויקח רמח בידו!

פנחס ליינט נישט קריאת שמע... פנחס שטייט נישט ביים פתח אוהל מועד מיט א געוויין... ער האלט אין די האנט א שווערד און לאזט זיך ארויס אין א מלחמה מיט די פושעים. מיט'ן שווערד וואס ער האלט אין די האנט שטעכט ער דורך דעם רשע מסית ומדיח.

אין יענע מינוט... והמגיפה נעצרה.

און באלד דערנאך הערט משה רבינו דעם כרוז מן השמים **"פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי מעל בני ישראל ולא כליתי את בני ישראל בקנאתי"**, איין פנחס בן אלעזר, מיט זיין פעולה פון ויקח רמח בידו, ער האט געטון די ריכטיגע פעולה, און מיט זיין פייער אין ברען האט ער אפגעשטעלט די מגיפה און געראטעוועט דאס כלל ישראל.

**"אבער די רשעים פארגינען מיר נישט די רואיגע מחשבה, ממילא שרייבן זיי מיט גרויס כבוד אז א 'נשיא אלקים' איז געקומען', אלעס זענען זיי גרייט די רשעים ארורים, אפילו צו געבן כבוד מלכים פאר זייער גרעסטן שונא, אבי איך זאל נישט שפירן דעם גלות...".**

**אויב מן השפה ולחוץ זעט אויס אז עס קומט פון זיי א דבר טוב, דארף מען אויך וויסן אז בקרבם טמון אורבו, און דער פינסטערער רשע ווייסט זייער גוט צו וואס ער צילט.**

אט דאס לערנען מיר אין די פסוקים פון די היינטיגע פרשה.

## די גוים לערנען זיך פון אידישע רשעים

**מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע** האט ביי שלש סעודות פרשת בלק תשכ"ז מבאר געווען דאס ענין וואס בלעם הרשע האט געזאגט, **"לכה איעצך אשר יעשה העם הזה לעמך באחרית הימים"**, וואס שטימט נישט אין פסוק געהעריג (זעט רש"י). זאגט דער רבי, אז בלעם הרשע האט געוואוסט אז זיין איינציגסטע עצה ווי זוי זיך משתלט צו זיין אויף כלל ישראל וועט נאר זיין דורך זנות. ער האט אנגעהויבן זוכן וואו מ'קען ברענגען כלל ישראל צום יצרא דעריות, און ער האט אנגעהויבן צו קריכן אויפ'ן לייטער. ער האט זיי געוואלט מקשר זיין מיט'ן עלטער זיידן תרח, אבער עס איז אים נישט

געגאנגען, ער האט באלד געזען **'כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו'**, אז דער יחוס פון כלל ישראל גייט צו אברהם אבינו און נישט צו תרח'ן.

האט ער מחליט געווען צו גיין אויף אראפ, אשורנו ולא קרוב, ער האט געקוקט **'אשר יעשה העם הזה לעמך באחרית**

ליידער ליידער, מיר זענען אינעם דור פון 'אחרית הימים', אונז האט דער 'שתום העין' געזען.

און מ'דארף נאך צולייגן, אז אין די לעצטע יארן זעט מען באשיינפערליך עיניו הבדולחות פון הייליגן רבי'ן זי"ע, ווען אין פארשידענע גוי'אישע לענדער, אריינגערעכנט אמעריקע, נוצט מען גיוס בנות אין מדינת ישראל אלס סעמפל און א 'מאדעל' וואס זיי ווילן נאכמאכן, אריינצושלעפן פרויען אין די ארמיי, באזירט אויפ'ן ביישפיל פון די 'אידישע' מדינה, ה"י.

**הימים'**, ער האט געקוקט ביז צו די לעצטע דורות פון כלל ישראל, און פון דארט האט ער ארויסגעשלעפט זימה, פון דארט האט ער גענומען די כוחות פאר די טומאה. און דארט האט ער געזען אז דער מצב וועט גאר זיין פארקערט, נישט נאר די גוים וועלן מאכן די אידן פאר זינדיגע, נאר נאכמער, **"אשר יעשה העם הזה לעמך"**, דער אידישער פאלק, זיי וועלן אין עיקבתא דמשיחא (באחרית הימים) גאר זיין א מוסטער פאר די גוים אויף קאליע מאכן, ר"ל, אינעווייניג אין כלל ישראל וועט זיין דאס נידריגסטע אין דעם געביט, און זיי וועלן נאך קאליע מאכן די אומות העולם.

**"ויתערבו בגוים"**, ווען די אידן מישן זיך אויס מיט די גוים, **"וילמדו מעשיהם"**, לערנען זיך די גוים נידריגקייט פונעם שפל המצב ביי כלל ישראל.

דאס איז דער מצב וואס בלעם הרשע האט געזען באחרית הימים ביים אידישן פאלק, ווי נידריג זיי וועלן פאלן, אט די כוחות האט ער גענוצט שוין דאן ווען ער האט געוואלט מחטיא זיין דאס כלל ישראל מיט'ן יצרא דעריות וואס האט זיי געטראגן צו מינות.

האט דער סאטמארער רבי זי"ע אנגעוויזן במר נפשו, **"כסדום היינו כעמורה דמינו"**, די ביטערע גזירה פון גיוס בנות וואס די ציונים האבן געוואלט ארויפצווינגען מיט אזויפיל אכזריות אויפ'ן כלל ישראל, דאס איז עפעס וואס איז נישטא ביי קיין שום אנשטענדיגע אומה ולשון, דאס איז די זוהמה פון **'אחרית הימים'**.

ליידער ליידער, מיר זענען אינעם דור פון 'אחרית הימים', אונז האט דער 'שתום העין' געזען.

און מ'דארף נאך צולייגן, אז אין די לעצטע יארן זעט מען באשיינפערליך עיניו הבדולחות פון הייליגן רבי'ן זי"ע, ווען אין פארשידענע גוי'אישע לענדער, אריינגערעכנט אמעריקע, נוצט מען גיוס בנות אין מדינת ישראל אלס סעמפל און א 'מאדעל' וואס זיי ווילן נאכמאכן, אריינצושלעפן פרויען אין די ארמיי, באזירט אויפ'ן ביישפיל פון די 'אידישע' מדינה, ה"י.

## גזירת הגיוס בתוקפה

אבער רעדנדיג איבער די נושא פון גיוס און מדינת ישראל: מיר שטייען ליידער ביים שפל המצב.

מיר שטייען ביי א מצב וואס מיר האבן באמת געוואוסט אז דער טאג וועט קומען, אבער מיר האבן געוואלט גלייבן אז עס וועט קיינמאל נישט אנקומען.

מיר שטייען ביים מצב ווען גזירת גיוס בני הישיבות איז שוין פולקאם אין קראפט! די ציוני'סטישע מדינה איז אנטשלאסן אוועקצונעמען יעדע מעגליכקייט פון א בחור צו קענען זיצן על התורה ועל העבודה.

יעדער איז אויס מענטש, יעדער דרייט זיך ארום אן א קאפ, יעדער איז פארלוירן, יעדער איז מטכס עצה וואס טוט מען דא ווייטער, ווי אזוי גיבט מען זיך דא ווייטער אן עצה.

ווי מיר האבן שוין געשריבן די פאראנגענע וואך, איז אין א ערשטע רעאקציע ארויסגעקומען דער אנטווארט פונעם סאטמארער רבי'ן שליט"א אז הונדערטער תפיסה צעלן איז ווייניג... מ'דארף שווערע טויזנטער, ווייל קיין שום בחור גייט זיך נישט שטעלן צום טמא'נעם מיליטער ח"ו.

אין די טעג איז געווען די יארצייט פונעם ראש הלוחמים ומקנאי קנאת ה"צ הגה"צ רבי עמרם בלוי זלה"ה, ער האט בימיו שוין מייסד געווען די **"ישיבת מהר"ם מראטענבערג"** אין די ציוני'סטישע טורמעס, אין יענע בארימטע **'ישיבות'** איז שוין געלערנט געווארן טויזנטער שעות תורה, און שוין אפגעראכטן געווארן אסאך ווארימע תפילות.

די ישיבה וועט יעצט מוזן עפענען אירע טויערן מיט אסאך אפטיילונגען און ברענטשעס, און דארפן צושטעלן סדרי הלימודים פון אלע סארטן.

עס קען גאר זיין א טובה, אפשר וועלן די שרי בתי הסוהר איבערגעבן פאר די שרי הצבא ווי אזוי עס וועט אויסזעהן די מיליטער ווען זיי וועלן אריינברענגען די **'בני תורה'** אינעם **'כור ההיתוך'**, עס איז נישט כדאי...

דאס איז זיכער אז די חרדי'שע גאס איז פול מיט פולווער, עס ברענט, עס פלאקערט א פייער, די כעס, די אויפברויז, די ווייטאג קעגן די רשעים, דאס איז אויף א שטאפל וואס מ'האט שוין לאנג נישט געזעהן און געהערט.

## רוממות 'קנאות' בגרונם

נעכטן מאָנטאָג איז געבראכן געווארן 'דראמאטישע נייעס', אז נאך לאנגע יארן וואס זייער בוזעם פריינט ביבי נתניהו מאכט פון זיי דאס געגאר, האבן די חרדי'שע פארטייען זיך ענדליך 'אויפגעוועקט' - זיי גייען ארויס פון די קאאליציע אין אויפברויז צו די אנטוויקלונגען ארום דעם חוק הגיוס.

די נייעס איז געקומען באגלייט מיט שרייענדיגע העדליינס און שפארבערישע מאמרים. "מיר גייען נישט מפקיר זיין קיין לומדי תורה", אד"ג.

עס איז ביי אונז ווייט נישט קיין נייעס צו הערן אז ווען עפעס גייט נישט גוט ביי זייערע קרייזן, נעמען זיי זיך צו זאגן קנאי'שע דרשות אינעם כנסת המינים. זה דרכם כסל למו מאז ומקדם.

שוין יארן לאנג וואס די נמכרים לעקר משפחת גר זיצן כפוף אונטער זייערע ברויט-געבער, זי מאכן נפילת אפים, און צומאל אפים ארצה, און קומען דורך מיט כל-ערליי פשרות דער עיקר אז געלט זאל ווייטער פליסן.

אבער, מאידך גיסא, איינמאל זיי שפירן אז מ'לאכט פן זיי, און די שפיל האט זיך געענדיגט, ווייסן זיי אויך צו שפילן דעם שפיל פון די אנדערע זייט, און הייבן אן צו האקן שטיקער קעגן די מדינה, מ'נעמט ארויס די 'נטורי קרתא שפראך' פון רענצל, און מ'נעמט זיך דרש'ענען מיט פייער'דיגע קנאות.

גראדע איז געווען געדרוקט די פארגאנגענע וואך א שיינע מעשה אינם גליון 'זקניך ויאמרו לך', א איד דערציילט וואס ער איז דערביי געווען, ווען איינמאל צווישן מנחה מעריב ביי מרן רבינו הק' מסאטמאר זלה"ה איז צוגעקומען צום רבי'ן א באקאנטער שרייבער, מו"ה עמנואל בעער ע"ה - ער איז געווען א נאנטער קרוב משפחה מצד די רביצין ע"ה – און ער זאגט פארן רבי'ן "איך ווייס אז דער רבי איז צדיק הדור"...

דער רבי האט פארשטאנען אז ער וויל עפעס זאגן, קוקט אים דער רבי אן, "נו... נו..." ווי איינער זאגט, 'וואס ווילסטו זאגן'.

זאגט ער "איך שרייב כסדר אקטועלע מאמרים, און ס'כאפט נישט דעם עולם, ווידער ווען דער רבי שרייבט עפעס, אדער זאגט עפעס, קלינגט דאס תיכף אפ אויף די גאנצע וועלט".

דער רבי האט געגעבן א בא'חנ'טע קנייטש מיט'ן אויג און זאגט אים, **"כ'וועל דיר זאגן וואס עס איז, איך האלט מיך נאר ביי איין דרך, כ'זאג אלעמאל די זעלבע ווערטער אן קיין שינוי, ממילא כאפט עס מענטשן, מ'זעט אז עס איז די זעלבע ארגינעלע ווערטער, דו שרייבסט דאך פאליטיש, אמאל שרייבסטו אהער אמאל אהין, ממילא כאפט דאס נישט"...**

דאס איז אייגנטליך די תשובה, אויב עמיצער וואונדערט זיך פארוואס די שפילרייען, און שפיצלעך פון די 'שלוחי דרחמנא' אינעם כנסת המינים, טוט נישט אויף גארנישט - שוין אויסער וואס אין מציאות איז זייער מכלומר'שטע 'אויפטו' פון א נייעם חוק הגיוס, באמת א געפערליכער חורבן פאר זיך - דאס איז ווייל 'סהדי שקרי אאוגרייהו זילי'.

די ציונים אליין ווייסן זייער גוט ווי ווייניג דאס איז ווערד, און ווי ווייניג אמת עס ליגט דערין.

אויך ביי אונז, אין די מחנה פון שלומי אמוני ישראל זענען זייערע ווערטער און אויסדרוקן ביליג און לופטיג, ראויים לצור על פי צלוחית, ווייל ווערטער וואס דער רעדנער אליין מיינט נישט ערנסט, פארוואס זאלן מיר דאס נעמען ערנסט.

## אנדערע האבן יא געוואוסט

אין די טעג איז נתפרסם געווארן אז דער חבר כנסת המינ"ם מאיר פרוש האט זיך געלאזט הערן מיט א 'שארפע סטראשע':

**"ווען אגודת ישראל וואלט ווען געוואוסט דעמאלטס וויאזוי זאכן וועלן אויסזען היינט, וואלטן זיי ווען געזאגט אז זיי ווילן נישט קיין אידישע מדינה"...**

> **... "כ'וועל דיר זאגן וואס עס איז, איך האלט מיך נאר ביי איין דרך, כ'זאג אלעמאל די זעלבע ווערטער אן קיין שינוי, ממילא כאפט עס מענטשן, מ'זעט אז עס איז די זעלבע ארגינעלע ווערטער, דו שרייבסט דאך פאליטיש, אמאל שרייבסטו אהער אמאל אהין, ממילא כאפט דאס נישט"...**
>
> **... טאקע איבער די דאזיגע נושא האט דער רבי זי"ע מער ווי איינמאל זיך אויסגעדרוקט, און ווי מיר האבן שוין דערמאנט אפט, אז "ער פארכט זיך ס'וועט קומען א טאג וואס מ'וועט נישט קענען וואוינען אין די מדינה, צוליב די גזירה פון גיוס בני הישיבות".**

יא יא, מיר הערן זייער גוט און זייער קלאר וואס דער 'שלוחא דרבנן' האט צו זאגן, די שאלה איז קודם כל, צי די ווערטער זאגט ער אויך בשליחות פון עמיצן, צי האט עמיצער פון זיינע משלחים אים געלאזט זאגן די ווערטער, אדער דאס איז א פוסטע דעמאגאגישע אויסדרוק.

מיר האבן אבער פון אונזער זייט עקסטער וואס צו קאמענטירן אויף די ווערטער פון פרוש, אפגערעדט צי ער מיינט עס ערנסט צו נישט.

ראשית כל:

יא יא, עס איז געווען אמאל ווער עס האט געוואוסט! עס זענען געווען גדולי ישראל וואס זענען געשטאנען און געוויינט,

זיי האבן מתריע געווען, זיי האבן געווארנט, און זיי האבן פאראויס געזאגט וואס א 'אידישע מדינה' וועט ברענגען אויף כלל ישראל, און זיי האבן זיך נישט טועה געווען.

אויך ביי די כנסיה הגדולה, תרצ"ז, ווען עס האבן זיך צונויפגעזעצט צענדליגער גדולי הרבנים פון אגודת ישראל, עס זענען געקומען צו פארן גדולי ירושלים, און מען האט דן געווען צי מ'זאל שטימען פאר א אידישע מדינה, איז געווען די מיינונג פון א גרויסע טייל פון די גדולי ישראל קעגן א מדינה.

דער ירושלים'ער רב הגה"ק רבי **יוסף צבי דושינסקיא** זלה"ה, הגה"ק רבי **אלחנן וואסערמאן** זלה"ה, **הגה"ק מנייטרא** זלה"ה און נאך גדולי ישראל וואס האבן געהאט א קלארן בליק האבן גענוי' פארשטאנען וואספארא סכנה עס ווארט אונז אפ מיט די מדינה, און וויאזוי אונטער די 'אידישע' מדינה וועט נישט מעגליך זיין צו זיין אן ערליכער איד.

נאך ביי יענע אסיפה זענען שוין געווען די טרויעריג בארימטע פאליטיקאנטן פון אגו"י וואס האבן מאנעווורירט די אסיפה, און זיכער געמאכט אז די תוצאות האסיפה זאל נישט זיין קעגן זייערע אינטערעסן, און פלענער זאלן זיך קענען רוקן פאראויס.

די טרויעריגע היסטאריע איז פארצייכנט מיט בלוט אויף פאפיר.

נאך די צווייטע וועלט מלחמה ווען רוב מנין ורוב בנין פון גדולי ישראל זענען שוין ליידער נישט געווען מיט אונז, איז אבער געווען א סאטמארער רבי וואס האט נישט גערוט, ער האט געוויינט, ער האט געשריגן און געלארעמט אז די מדינה איז דער גרעסטער אומגליק פאר כלל ישראל ברוחניות ובגשמיות.

טאקע איבער די דאזיגע נושא האט דער רבי זי"ע מער ווי איינמאל זיך אויסגעדרוקט, און ווי מיר האבן שוין דערמאנט אפט, אז **"ער פארכט זיך ס'וועט קומען א טאג וואס מ'וועט נישט קענען וואוינען אין די מדינה, צוליב די גזירה פון גיוס בני הישיבות"**.

כהיום הזה, זומער תשפ"ה שטייט מען ביי א מציאות אז א דאנק די מדינה זענען רבבות אידישע קינדער אין א שרעקליכע סכנה, טאקע זייער רוחניות, טאקע זייער גשמיות, און אלעס באשמת הרשעים הציונים.

אלזא, דער רבי האט געוואוסט! אנדערע גדולי ישראל האבן געוואוסט! און באמת, יעדער ערליכער איד וואס איז נישט משוחד און בלינד צו די ציוני'סטישע ממון ושררה, האט געוואוסט.

## אפילו ענק האבן געוואוסט!

מ'קען עס נעמען נאך א שטאפל ווייטער:

מאיר פרוש זאגט **"אם אגודת ישראל היתה יודעת"...**

אונזער תשובה צו זיינע בכיות איז: יא, אגודת ישראל האט געוואוסט!

רבי **משה בלויא** ז"ל האט געוואוסט, ר' **משה פרוש** ז"ל, האט אויך געוואוסט. און נאך אנדערע.

ווען **י.מ. לעווין** איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל און ער האט זיי באזייטיגט פון די הנהגה פון די אגודה, האבן זיי געוואוסט זייער גוט אז די אגודה האט זיך געזעצט אויפ'ן עסקעלעיטאר אראפ. זיי האבן גוט געוואוסט אז אונטער די חברה איז דא איין וועג: אראפ צום שאול תחתיות, ממילא איז נאריש צו קומען וויינען מיט פאלשע טרערן ווי כאילו "ווען אגו"י וואלט געוואוסט" וואלט עפעס געווען אנדערש.


אויב מיינען זיי ערנסט, דאן ווייסן זיי גענוי וואס זיי האבן צו טוהן, עס איז דא איין מהלך וואס צו טוהן:

*"להתנתק לגמרי!"* אפהאקן פון די רשעים, זיך אויפבינדן פון זייערע שטריק".

אפילו נאך יעצט, ווען זיי זענען שוין אפיציעל 'ארויס', ווייסן אלע אנאליסטן צו זאגן אז ביי די ערשטע געלעגנהייט וועלן זיי זוכן צוריק אריינצוטאנצן. 'ס'איז נאר א סטראשע', 'זיי גייען נישט צעווארפן די רעגירונג', אא"וו.


בכל אופן איז נישט וויכטיג צו מאכן קיין איבריגע עסק פון די נארישע צערעמאניעס פון די חברי כנסת המינים.

אויב מיינען זיי ערנסט, דאן ווייסן זיי גענוי וואס זיי האבן צו טוהן, עס איז דא איין מהלך וואס צו טוהן:

*"להתנתק לגמרי!"* אפהאקן פון די רשעים, זיך אויפבינדן פון זייערע שטריק".

אפילו נאך יעצט, ווען זיי זענען שוין אפיציעל 'ארויס', ווייסן אלע אנאליסטן צו זאגן אז ביי די ערשטע געלעגנהייט וועלן זיי זוכן צוריק אריינצוטאנצן. 'ס'איז נאר א סטראשע', 'זיי גייען נישט צעווארפן די רעגירונג', אא"וו.

ס'איז זינלאז אריינצוקריכן צופיל אין זייער פורים שפיל, נאר אזויפיל איבער'חזר'ן: די 'אידישע' מדינה איז א סכנה פאר אידן, גדולי ישראל האבן דאס געוואוסט און געווארנט. - יעצט, פאר פינף מינוט, זאגט מאיר פרוש אויך אז ער ווייסט עס.

וועל מיר זען ווי לאנג ער וועט 'וויסן'... און וואס ער וועט טון מיט זיינע פרישע 'ידיעות'.